גליון

# אמן ואמן

אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונין

אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מבורך בכל כוחו קורעין לו גזר דינו

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש סיון תשפ"ה | גליון רי"ה

# דער וואונדערליכער חידוש פונ'ם מהר"ל מפראג זי"ע!

די ווערטער **"גזר דינו של שבעים שנה"** צייגט אויף די "מזל" מיט וואס דער מענטש איז געבוירן געווארן. דער באגריף פון "זיבעציג יאר" סימבלאזירט דער געווענליכע לעבנסטעג פון א מענש וועלכער איז זיבעציג יאר אזוי ווען עס שטייט "ימי שנותינו בהם שבעים שנה" (תהלים צ').

די ווערטער **"אמן יהא שמיה רבא"**, וואס מען זאגט מיט כוונה, פארמאגט דעם כח גענצליך צו טוישן דעם מזל מיט וואס דער מענטש ווערט געבוירן - צי ער זאל זיין אן עושר אדער חלילה אן ארימאן, א קלוגער צי א שוטה; צי זאל זיין לעבן זיין פיל מיין פיין און לייד אדער זאל ער לעבן מיט רואיגקייט און פרידן, זאל ער מאריך ימים זיין אדער זאל ער חלילה נפטר ווערן נאך קורצע טעג און יארן.

אין צוגאב צו דעם אלעם, איז דאס ענטפערן **"אמן יהא שמיה רבא"** מסוגל מבטל צו זיין יעדער גזירה וואס ווערט נגזר אויפן מענטש צוליב זיינע זינד.

(נתיבות עולם א' - מילה אחת אמן עמ' 129)

# מקבל זיין הנהגת ה' בכל מצבים ראטעוועט פון אלעם בייזן

**"כל העונה אמן יהא שמיה רבה מברך מכל כחו, קורעין לו גזר דינו".**

**"כוחו"** איז מרמז אויף די **כ"ח** (28) צייטן, וואס ווערט דערמאנט אין קהלת עת וגו' עת וגו', וועלכע 14 פון די צייטן זענען צום גוטן, און 14 זענען פארקערט ח"ו.

דער מענטש וואס ענטפערט **"אמן יהא שמיה רבא"** אין יעדע צייט **"בכל כחו"** אין אלע כ"ח צייטן, דאס הייסט, אז ער נעמט אן מיט ליבשאפט אלעס פאר אלעם וואס ער גייט אדורך, און ער דאנקט דעם אייבערשטן פאר אלעם, איז ער זוכה אז מ'צערייסט זיין גזר דין צום גוטן.

(הרה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א בשם הרה"ק מקאברין זי"ע מובא בס' "תורת אבות", תורה ותפילה אות מא)

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ז"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים אטויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מרביניץ